STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06554

LIDER

Bella Goldworth

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעלאַ גאָלדווירט

לידער

איקוף פאַרלאַג

ניו יאָרק, 1982

אינהאַלט

מײַן מאַנטל 3
איך געדענק 4
אין זכרון 6
צווײ זין 6
פון מײַן אַמאָל 7
אין דער פרעמד 10
אַ גאַסט אין דאָרף 10
אין מײַן ײדישן דערפל 13
פרילינג אין דאָרף 14
האַרבסט 15
מײַן קינדהײַט 16
אין זע דיך 17
איך האָב ליב 19
שטילקייט 20
אַ נײַער זומער אין דאָרף 21
אין שטרײַט 22
לעשט זיך אַ לעבן... 23
כ׳בין אַ מאַמע 24
פרילינג איז ליב 25
עס רײַסן זיך ווערטער פון טיפן 27
אויף אַ נײַעם שליאַך... 27
גלויב 28
אונדזער וואָרט 29
פרילינג 29
דערצייל 30
ווײַט פון דאָרף 31
דו ווייסט נישט 32
ווי לויטער וואַסער פון אַ קוואַל 33
צו אַ פרײַנט 33
איין נײַעם לאַנד 34
ווײַט פון דער היים 35
אַ וויג ליד 36
שײַקע 37
אויגן 39
פריידקע 40
וואו זאָל מען נעמען אַ פריילעך פנים 42
בענקשאַפט 43
אַ וויגליד 44
אַ שטורעם 45
אין אַלטן לאַנד 46
נאָך יאָרן 47
איך הער וואונדער 47
זינג און שפיל 48
שפיל מיר פײַפעלע שפיל 49

מײַן מאַנטל

אַז איך האָב מײַן מאַנטל געמאַכט,
איז שוין טאַקע אַ יאָר אַכט:
און ער איז נאָך גאַנץ און שײן,
כ׳וועל נאָך אַ ווינטער אים קאָנען גײן.

בלויז פּאַרנט איז ער אַביסל צעריסן —
וועל איך אים שמעלער מאַכן און מ׳וועט ניט וויסן.

נעם איך אַנטאָן מײַן מאַנטל און טראַכט,
אַז איך האָב אים פּונקט אַזוי ווי נײַ געמאַכט.
און ער איז נאָך גאַנץ און שײן —
כ׳וועל נאָך אַ ווינטער אים קאָנען גײן.

אַזוי ווי איך האָב אים אַרויפגעצויגן
דערזע איך לעכער אין די עלנבויגן.

האָב איך באַלד אַ לײסט אַרויסגענומען,
געלײגט צוויי לאַטעס ניט צו דערקענען,
און ער איז נאָך גאַנץ און שײן —
כ׳וועל נאָך אַ ווינטער אים קאָנען גײן.

טו איך אָן מײַן מאַנטל, און גײ שפּאַצירן מיר אַרויס,
און אין דער הויך אויפן אַקסל קריכן צויטן גאָר אַרויס.

לײג איך באַלד אַ צערע דאָרט
די גרויס פונ׳ם אַקסל, אויף מײַן וואָרט.

און ער איז נאָך גאַנץ און שיין —
כ׳וועל נאָך אַ ווינטער אים קאָנען גיין.

גיי איך מיר שפּאַצירן און הויב ניט אָן צו וויסן,
אַז די סאַמע מיטן פּלייצע איז מיר גאָר צעריסן.

גיב אים באַלד מיט דער נאָדל אַ שטאָך,
ווערט דערנאָך גאָר אַ נייע לאָך.

באַטראַכט איך מײַן מאַנטל און זוך אַן עצה,
ווי אַזוי פאַריכט מען די גאַנצע פּלייצע?
אַז ער ווידער זײַן גאַנץ און שיין —
כ׳זאָל אים נאָך אַ ווינטער קאָנען גיין.

איך געדענק

איך געדענק מײַן פאַר־יתומ׳טקייט,
איך האָב דעם נעכטן נישט פאַרגעסן
מײַן מאַמעס שווערן לעבן,
מיט אירע פאַרהאָרעוועטע מעת־לעת׳ן.

נישט געקאָנט האָב איך וויסן,
פון נעכטנס אָנגעפילט מיט זאָרגן,
וועט אַמאָל אויפגיין
אַ העל זוניקער מאָרגן.

ווער וואָלט דען גלויבן געקאַנט?
פון שטיבער מיט קרומע שוועלן,
פון אַ טריבער קינדהייט,
זאָל אַ לעבן זיך צעהעלן.

איך האָב נישט געחלומ׳ט נישט געטרוימט,
צו גיין אויף אַ וועג אַזאַ שווערן,
מײַן וואָרט זאָל קומען צום אויסדרוק?
געווען איז ווײַט, ווי אין הימל די שטערן.

פון פאַרנעפּלטע נעכטנס,
פון אומעט דערשלאָגן און מיד,
זאָל אויפגיין אַ פרייד פון אַרבעט
אַ פרייד פון אַ געשאַפענעם ליד.

אַ ליד וואָס פאַרשעמט נישט דעם נעכטן,
ווען נויט האָט פון לעבן גערויבט דעם זין
און אין מי פון שאַפן זאָל אויפגיין,
אַ ליכטיקער בלויער באַגין.

איך שרייב נישט קיין פראַזן,
קיין חלומות נישט שפין
נאָר ווערטער וואָס פליסן פון האַרצן,
ווערטער וואָס האָבן אַ זין.

אין זכרון

היימיש זײַנען מיר די פּוילישע סעדער,
דאָס שטילע טײַכל פריש אין מײַן זכרון,
גוט איז געווען רײַסן פרוכטן פוןביימער,
וואו איך האָב פאַרבראַכט מײַנע קינדער יאָרן.

רײַסן אוגערקעס, מייערן און בוראַקעס,
טראָגן פון פעלד הייפטן קרויט,
טרינקען פריש געמאָלקענע מילך,
געשמאַק איז געווען דאָס ראַזעווע ברויט.

דער זאַמדיקער וועג אין די וועלדער,
איז היימיש מיר פאַרבליבן,
וואו איך האָב שוואָמען געזוכט
און דאַרע שטעקעלעך געקליבן.

מיט די שטעקעלעך וועטשערע געקאָכט,
פּאַסנע קאַרטאָפליעס געגעסן,
די דאָרפישע רואיקע שטילקייט,
קאָן איך גאָרנישט פאַרגעסן.

צוויי זין

איין זון איז שוין אין דער מלחמה אַוועק,
דער צווייטער אין גיכן וועט אויך גיין.

איין בעט איז לאַנג נישט אויפגעבעט,
דאָס צווייטע פאַרבעט וועט אויך בלייבן שטיין.

אין שטוב איז געוואָרן האַלב ליידיק,
באַלד וועט אינגאַנצן פוסט ווערן,
ס׳איז שווער אין הויז זיך דערהאַלטן,
און שווער איז איינצוהאַלטן די טרערן.

צוויי זין צוויי אויגן אין קאָפּ
זייערע בילדער קוקן אַראָפּ פון דער וואַנט
די נאַציס פאַרנעמען זיך אומצוברענגען
ייִדן אומעטום נישט נאָר אין זייער לאַנד.

זיי מאָרדן זקנים און עופֿה׳לעך
מיט זייער בלוט פאַרגיסן זיי די ערד.
אין קאַמף קאָן מען נישט טראַכטן
צי דאָס לעבן אָדער דער טויט איז באַשערט.

נאָר דאָס הארץ אַזוי שטאַרק טוט וויי
איך וואָלט דאָס אויף שטיקער צעריסן
און די טרערן איך קאָן נישט באַהאַלטן,
זיי האַלטן אין איין פליסן און פליסן.

פון מײַן אַמאָל

די ייִנגסטע בין איך געווען
מיט דער מאַמען אין דער היים.

דאָס בענדל כ'האָב נישט געקאָנט
אַרײַנפלעכטן אין מײַן צאָפּ,
האָט די מאַמע דערציילט מיר,
וויפיל יאָרן איך האָב.

אַז זי איז צו זיבן יאָר
געגאַנגען דינען,
דאַרף אַ מויד אַזאַ ווי איך
אויף ברויט שוין אַליין פאַרדינען.

רב סענדער'ס שנור
זאָל זײַן געזונט
וויל מיך האָבן
פאַר אַ ניאַנקע צום קינד.

אַ הויז איז דאָרט אַ גרויס,
מיט אַלעם גוטן געבענטשט,
אין אַזאַ שטוב ווערט מען אַ מענטש.

זי איז אַ גרויסע באַלעבאָסטע,
אַפילו דאָס ברויט האַלט זי אונטערן שלאָס,
אַ מיידל וויפל צו געבן,
מסתמא ווייסט זי די מאָס.

האָט די מאַמע געדונגען אַ פור,
געפירט מיך צו רב סענדערס שנור.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
געדרייט און געדרייט מײַן צאָפּ.

די באַלעבאָסטע זאָגט צו מיר:
„די אַרבעט נישט זײַן װעט צו־שװער פֿאַר דיר.

דו װעסט מיטן קינד זיך שפּילן,
בלויז צװײ מאָל אַ װאָך װאַשן די דילן.

און װעסט װאַשן די זאַכן פֿון קינד,
טאָן קלײניקײטן פֿון הױזגעזינד.

יונה ברענגט װאַסער אין צײַט,
פֿעלט אױס — איז דער פּלומפּ נישט װײט".

האָב איך מיטן קינד זיך אײַנגעהילט,
מיט דער ליאַלקע אַלײן זיך געשפּילט.

האָט די באַלעבאָסטע דערזען מיך שפּילן,
האָט זי באַפֿױלן איך זאָל װאַשן די דילן.

זי שרײַט, איך בין אַ פֿױערשער קאָפּ,
קאָן נישט אַפֿילו אױסװאַשן אַ טאָפּ.

בעט איך מײַן מאַמען: „נעם מיך אַהײם,
איך אַרבעט דאָ װי אַ פֿערד אין שפּאַן".

זאָגט די מאַמע: „אַן אָנשטענדיק קינד
גײט נישט אַװעק אין מיטן זמן.
זי איז אַ באַלעבאָסטע פֿון יאָרן,
װי אַזױ צו האַלטן אַ מײדל זי װײסט;
אַן אָרעם קינד דאַרף פֿאָלגן,
טאָן אַלץ װאָס מען הײסט".

אין דער פרעמד

שווערער יאָך האָט מיך פרי פאַרקלעמט,
מײַן קינדהײַט געשפּאַנט אין זאָרג פאַר ברויט,
אַ כעס געוועבט האָט זיך אין מיר,
צו יענע וואָס האָבן מיך גערופן „די מויד״.

ווען אַרבעט געווען איז צו־שווער,
די פינגער האָבן געפראָרן אין שניי,
די קעלט האָט אין מיר זיך אײַנגעשניטן,
האָב איך שטיל געטראָגן דעם וויי.

די נויט האָט צעפרעסן מײַן יוגנט,
געמאַכט קנייטשן אין מײַן שטערן,
נאָר דורך שפּאַרעס האָב איך ליכט דערזען
אין מײַן לעבן דעם שווערן.

האָט דאָס ליכט מיך געוואַרעמט, געשטאַרקט,
איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן נויט:
איך געדענק נאָר די קינדערשע יאָרן,
ווי שווער איך האָב געאַרבעט פאַר ברויט.

אַ גאַסט אין דאָרף

איך בין אין דאָרף
געקומען צו גײן,

צו זען מײַן אַלטע
אַמאָליקע היים.

מען האָט זיך אין דאָרף
אויף מיר נישט גערעכט,
האָבן פויערטעס זיך געשושקעט,
צווישן זיך גערעדט געדיכט.

זיי האָבן דערמאָנט מײַן מאַמען,
מײַן טאַטן, אַ ייִד אַ ליבער,
און מיך אויפגענומען פרײַנטלעך,
אין דאָרפּישע שטיבער.

איז גוט נאָך יאָרן פיל
צו קומען אויפן אַלטן אָרט,
צו זען די ברונעמער, די שייערן,
דאָס אַמאָליקע היימישע דאָרף.

די געהויקערטע כאַטע,
זי שטייט נאָך ביז הײַנט,
איך קוק אויף איר און קוק,
ווי אויף אַן אַלטן פרײַנט.

ס'איז גוט צו פילן דעם ריח
פון אויפגעאַקערטער ערד,
און זען גרינע לאָנקעס,
וואו עס פּאַשען זיך פערד.

דער שכנהשער סאָד,
ער לעבט נאָך און בליט,
נאָר מיט שטעכיקע דראָטן
איז ער פאַרצוימט און פאַרהיט.

די פלויטיקע שפּאַלטן,
דאַכט זיך, זיי ווייסן,
איך פלעג דאָ בגנבה
די מאַלינעס רײַסן.

קינדער שפּילן זיך אין זאַמד,
פייגל סווישטשען, זינגען פרײַ,
ערגעץ אַ קוקאַווקע קוקעט,
עס בליען ביימער אין מאַי.

די זעלבע פעלדער פאַרזייטע,
די לאַנקעס גרין און צאַרט,
דער זעלבער זדרוי ווי ער וואַלט
אויף מײַנע באָרוועסע פיס געוואַרט.

זוניקע סטענגעס שפּילן זיך אין וואַסער,
וויגן זיך אויף כוואַליעס געיאָגטע פון ווינט,
גלוסט זיך מיר אַ שפּרינג טאָן אין וואַסער,
ווי איך וואָלט געווען אַ קינד.

אין מײַן ייִדישן דערפֿל

אין מײַן ייִדישן דערפֿל האָט פֿרילינג מיט צויבער באַגאָסן,
אונטערן דערפֿל האָט אַ טײַכל געפֿלאָסן,

כוואַליע מיט כוואַליע האָבן זיך געקושט און געשלאָגן,
אַ גאָלדענע זון האָט אין טײַכל זיך געבאָדן.

צווײַגן אויף ביימער האָבן זיך געוויגט און געגרינט,
פֿייגל האָבן מיט געזאַנג זייערע נעסטן געשפּינט.

פֿון בליאונג די ריחות האָבן זיך אויף וועגן געטראָגן,
בלומען האָבן די קעפּלעך אין טוי געבאָדן.

ס׳האָט געגרינט דער באַרג און דער טאָל,
ייִדישע קינדער זײַנען געוואַקסן אָן אַ צאָל.

האָבן די נאַציס אין דערפֿל זיך פֿאַרקליבן,
און פֿון גאַנצן דערפֿל איז גאָרנישט געבליבן.

די ביימער צעבראָכן פֿאַרברענט,
מײַן שטיבל פֿאַרוויסט און געשענדט.

די פֿייגל פֿון די נעסטן פֿאַרטריבן,
אין דערפֿל איז קיין ייִד נישט געבליבן.

די לאָנקעס די פֿעלדער מיט בלוט באַדעקט,
דאָס לויטערע טײַכל אויך באַפֿלעקט.

ס׳האָבן די נאַציס בלויז פאַרוויסטונג פאַרשפּרייט,
די פעלדער מיט קערפּערס פאַרזייט.

צי גרינט נאָך דאָרט דער באַרג אַ מאָל?
צי ליגן נישט די ייִדן דאָרט אין טאָל?

קיינער איז אין דערפל נישט געבליבן צו געדענקען,
דאָס טײַכל וועט דאָס בלוט נישט פאַרשווענקען.

פרילינג אין דאָרף

בליאונג אין סעדער פּירות זאָגן אָן,
גראָזן אויף לאָנקעס טעפּיכער פאַרשפּרייטע,
אויף פייכטער אויפגעאַקערטער ערד,
פעלדער אויף פאַרזיי שוין גרייטע.

די זון פאַרגייט אין רויטן גלי,
אונטערן באַרג איר פלאַם זעט זיך קוים,
זי באַקרוינט דעם שפּיץ פון באַרג,
באַפּוצט אים מיט אַ גאָלדענעם זוים.

פאַרטונקלט דעמאָלט ווערט דער וואַלד,
אין גרינע בלעטער געטוליעט,
עס וויגן זיך צווײַגן און וויגן,
און ווערן אין ווינטן צעהוליעט.

איך בין געגאַנגען אויף סטעזשקעס
זעלטן פון מענטשן געטראָטענע,
מיט ווילדגראָז פאַרוואַקסן,
מיט זאַמדן פאַרשאָטענע.

וואַלד־שטעקעלעך צונויפגעשאַרט,
אַרומגעבלאָנקעט איינינקע אַליין
איבער פלויטן בעס געריסן
געקליבן פעלד־בלימעלעך מלא־חן.

האַרבסט

אין אַ האַרבסטיק טריבן טאָג
ווילט זיך מיר אַ ליד גאָר שפּינען,
בײַ מײַן טיש, אין דער אַרבעט,
האָב איך פרילינג גאָר געפונען.

דער הימל אַ הויכער, אַ לויטערער, בלויער
איבערגעפולטע טײַכן פליסן צעפּראַלטע —
ווערט מיר פריילעך, ווער איך מונטער,
דערזע אַ זון אַ ליכטיקע צעשטראַלטע.

איך בין רײַכער פון אַלע רײַכסטע,
איך האָב מײַן עשירות פאַרשריבן,
דאָס פאַרמעגן וועט קיינער נישט רויבן,
ס'איז מיר אויף שטענדיק פאַרבליבן.

ווער קאָן זיך צו מיר גאָר גלײַכן,
ווען איך שרײַב אַ שורה אָן פון פרייד,
מענטשן זאָלן פון גוט נאָר געניסן,
מיט גליק פון ליבע זײַן באַגלייט.

מײַן קינדהײַט

איך האָב מײַן קינדהײַט אוילער לאַנקעס צעזייט,
מײַן יוגנט געלאָזט אויפן פעלד דעם פוסטן,
מײַן שפּילעכלער געווען זײַנען גראָזן,
מײַנע חבר׳טעס שטעכיקע קוסטן.

מײַן מאַמע געווען איז פאַריאָגט,
האָט זון מיך געניאַנטשעט געהיט,
מײַן היים געווען איז אַ שטרויענע בודע,
דאָס זשומען פון פליגן מײַן ליד.

מײַן טאַטן האָב איך נישט געקאָנט,
צו פרי איז ער פון דער וועלט אַוועק,
האָב איך געבענקט נאָך טאַטנס ליבשאַפט,
נאָך זײַנס אַ קוש, נאָך זיינס אַ גלעט.

איבער וועגן האָב איך באָרוועס געשפּאַנט,
אין דאָרפישע קליידער געהילט,
שטורעם פון לעבן האָט מיך געיאָגט,
ביז איך האָב שטאָטישן אָטעם דערפילט.

דאָ איז דער אומרו צעפּלאָקערט און גליט,
ס׳טיילן זיך ליכטיקע און טונקעלע וועגן,
זאַטע שויבן בלענדן מיט פּאַרטיקע בליצן
און גאַסן מיט הונגער מיר קומען אַנטקעגן.

צעוויקלען זיך פאַרגאַנגענע יאָרן
אין הייסן ברי פון ליבע און האַס,
איך האָב מײַן עלנט געלאָזט מיט די ווינטן,
און בוי מײַן היים דאָ אויף רווישיקער גאַס.

איך זע דיך

געווידמעט צום 25טן יאָרצײַט פון
בנימין גאָלדווירט, מײַן מאַן

איך זע דיך זיצן אין שטוב,
איך זע דיך גיין אין גאַס,
איך הער דיך רעדן צאַרט,
און איך הער דיך רעדן מיט כעס.

איך פיל דו גלעטסט מײַנע האָר,
דו נעמסט מיך איידל אַרום,
איך זע דײַן ליבן שמייכל,
איך זע דיך אומעטום.

וואו איך קום זיצסטו בײַ מײַן זײַט,
איך פיל דײַן אָטעם דײַן באַריר,

איך זע דיך צווישן עולם,
איך זע דיך לעבן מיר.

ס'היט און וואָרנט מיך דײַן שטרענגקייט,
ס'שוועבט פֿאַר מיר דײַן שאַרפֿער חוש.
אונזערע דרײַ צענדליק יאָר גייען מיר נאָך,
אויף מײַנע ליפּן רוט נאָך דײַן קוש.

איך געדענק דײַן עקשנות'דיקן יאָ און ניין,
איך הער דײַן פּשוט ערנסט וואָרט,
איך זע דו קומסט מיר אַנטקעגן,
און אָט לויפֿסטו דאַכט מיר, דאָרט.

איך זע דײַנע לאַכעדיקע אויגן,
ווי לויטערער הימל בלוי,
איך זע דײַן רירעוודיקייט,
איך זע דיך שפּאַנען אָט־דאָ.

דו האָסט ליב געהאַט דאָס לעבן,
די נאַטור, מענטשן אַלץ אַרום דיר,
דו האָסט ליב געהאַט דײַן אַרבעט,
אַלע נאָענטע, די קינדער און מיר.

איך זע דיך שפּילן מיט די קינדער,
דו טאַנצסט מיט זיי אַרום,
דו זינגסט זיי לידעלעך,
איך זע דיך, איך זע דיך אומעטום.

שוין 25 יאָר פֿאַרבײַ — אַמאָל איז עס אַן אײביקייט,
אַמאָל בלויז ווי אַ שעה,
דײַן קול קלינגט נאָך אין מײַנע אויערן,
אָבער דו ביזט מער נישטאָ.

ווען איך זאָל קאָנען דיר דערציילן,
פֿון מײַן בענקשאַפֿט נאָך דיר, —
אַז אויף אײביק איז מײַן ליבשאַפֿט
אײַנגעקריצט אין האַרצן בײַ מיר.

איך האָב ליב

איך האַלט נישט פֿון פּוסטע פֿראַזן,
איך האָב ליב אַלץ וואָס האָט אַ זין,
הערן פּראָסטע אמתע ווערטער,
ווי אַ בלום האָט ליב רעגן און זון.

איך קאָן זיך אין שלײַערס נישט הילן,
און קאָן זיך נישט פּוצן אין גלאַנץ,
איך האָב ליב אײנפֿאַכע קליידער,
און זען מענטשן אין אַ שלום טאַנץ.

איך האָב ליב צאַרטע מוזיק,
פֿייגל געזאַנגען צו הערן,
קוקן ווי זיי שפּרינגען אויף צווײַגן,
און קיינער קאָן זיי נישט שטערן.

איך האָב ליב פינקלדיקע שטערן
אַ הימל אַ הויכן און אַ בלויען,
זען בלויז ווײַסינקע וואָלקנס,
זיך ציען אין אָוונטיקע שעה׳ען.

איך האָב ליב זיצן אין אַ גאָרטן,
פון גליק און פון ליבע טרוימען,
זיך וויגן און וויגן אין אַ וויג־שטול
מיטביימער און בלומען אינאײנעם.

שטילקייט

אַ שטילקייט האָט געררוט אין צימער,
אַ שאָטן איז געהאָנגען אויף אַ וואַנט
מײַן מאַן האָט מיך אָנגעקוקט,
ווי ער וואָלט מיך נישט דערקענט.

ער האָט געוואָלט מיר עפּעס דערציילן,
פיל פּאַסירונגען מיר איבערגעבן,
וואָס ס׳האָט מיט אים געטראָפן
גייענדיק פאַר אַרבעט פרעגן.

נאָר זײַן צונג האָט זיך נישט גערירט,
אויפן פּנים האָט אַ טרויער אָנגעיאָגט,
ווי אַ קנויל וואָלט געשטעקט אין האַלדז,
פון גאַנצן צעשויבערטן טאָג.

מיט אַ גלעט איבער זײַן פּנים,
האָב איך אים געגעבן מײַן טרייסט,
געוואָלט האָב איך גערן הערן,
וויסן אַלץ וואָס ער ווייסט.

נאָר די שטילקייט האָט אין צימער גערוט
מען האָט געהערט די אָטעמס זיך וויגן
מיר זײַנען לאַנג, לאַנג געזעסן
אוןביידע האָבן געשוויגן.

אַ נײַער זומער אין דאָרף

אַ נײַער זומער איז געקומען,
דער הימל איז העל לויטער שיין,
קינדער אין זאַמד זיך שפּילן,
צופרידן דעם זומער צו זען.

אַ פלאַמיקע זון ברענט און גליט,
עס בריט דער זאַמד ס׳איז הייס אין דרויסן,
ווילן קינדער כאַפּן די זונען שטראַלן,
זיי האַלטן פעסט אין זייערע פויסטן.

זיי לויפן אין טיפן גרינעם טאָל,
אַרײַנאָטעמען בלומען זאַפטן צו געדענקען,
אויף לאַנג זיי האַלטן זיי באַהאַלטן,
ווען זיי וועלן נאָכן זומער בענקען.

אויף פעלדער בייטן וואַקסט אַ זעט,
כוואַליעס אויף טײַכן וויגן זיך שטיל,
קינדער אין וואַסער זיך פּליסקען,
עס רוישן די רעדער פֿון וואַסער מיל.

זיי פֿאַרגעסן אין קאַלטע ווינטער טעג,
הערן פֿייגל זינגען, בינען זשומען,
שפּרינגען קינדער, פֿרייען זיך,
וואָס אַ נײַער זומער איז געקומען.

אין שטרײַט

אין צעשמעטערטע לענדער און שטעט,
אין רויכן און אין נאַצישער נעץ,
צעטריפֿן זיך פֿאַרגליווערטע פֿײַנען
און גיסן צונויף זיך אין קרעכץ.

ס׳מישט זיך דער נאַכטיקער חושך,
מיט פֿלאַמיקע פֿונקען צוזאַמען,
ס׳צינדן זיך פֿונקען אַלץ העלער,
און שפּרייטן איבער חורבות די פֿלאַמען.

ס׳הויבט זיך פֿאַרטיזאַנישער כוח,
און אין וועג פֿון דעם שונא זיך שטעלט,
ס׳פֿינקלט שוין מיט ליכט אַ באַגינען
און מיט זיגן וועט נאָך רוישן די וועלט.

ס׳ראַנגלט זיך שונא און שטיקט זיך
אין שעה׳ען אין לעצטע פון רויב,
און פאַלט אין פינצטערן אָפּגרונט,
ווי פונקען פאַרלאָשן אין שטויב.

לעשט זיך אַ לעבן...

ווען זי קומט צו זיך אין צימער,
זעט זי שאָטנס אין די ווינקלען,
און די אַלטע היים דערמאָנט זיך —
טרערן אין די אויגן פינקלען.

אַ פאַרטראַכטע בלײַבט זי זיצן
מיט פאַרטויבטע מידע גלידער,
און דאָס גאַנצע גרויע לעבן,
ווערט נאָך טריבער, ווערט דערווידער.

נאָך דער היים אַ שווערע בענקשאַפט —
זי אין האַרצן האָט דערשפּירט:
וועלדער, פעלדער, שיינע גערטנער,
פול מיט בלומען אויסגעצירט.

אויפן אָרט פון בלומען, קווייטן —
בײַ מאַשינען מיידלעך זיצן,
דאַר די הענט און בלאַס דאָס פּנים —
און מיט פיבער אויגן בליצן.

און די בענקשאַפט ווערט נאָך שטאַרקער,
האַרץ און מוח — קלערט און נאָגט,
אין קאָשמאַר די נאַכט פאַרפלויגן,
און אין פענצטער גרויט — ס׳טאָגט.

פון דאָס נײַ אין שאַפּ געגאַנגען,
אין האַרץ, דער ווייטאָג — טיף און גרויס,
קיינער זעט ניט, קיינער הערט ניט,
ווי אַ לעבן לעשט זיך אויס...

כ׳בין אַ מאַמע!

כ׳בין אַ מאַמע, פון מיליאָנען מאַמעס,
וואָס אָטעמען מיט שרעק
פאַר די קומענדיקע טעג,
וואָס דערנענטערן די געפאַר
פון מלחמה־צער.

כ׳בין אַ מאַמע, פון מיליאָנען מאַמעס,
וואָס וויל ניט, מײַן קינד זאָל גיין אונטער הימלען,
וואָס האָגלען מיט טויט
און לעבנס פאַלן ווי פונקען אין שטויב,
פאַר רויב.

כ׳בין אַ מאַמע, פון מיליאָנען מאַמעס,
וואָס וויל ניט מײַן קינד זאָל גיין אין אַ קריג,

וואו איינער בײַם אַנדערן וויל פֿאַרכאַפּן אַ שטיק,
צו האַלטן די וועלט געבונדן ווי מיט שטריק.

כ׳בין אַ מאַמע, פֿון מיליאַנען מאַמעס,
וואָס וויל ניט, מײַן קינד זאָל גיין אין פֿלאַמען,
איבער טויטע קערפּערס דאָרט שפּאַנען.
און וואָס פֿאַר אַ טרייסט קאָן דאָס זיין,
ווען מען לאָזט אַ מאַמען וויסן,
אַז בײַ איר קינד איז אָן אבר אָפּגעריסן,
אָדער אַ גליד אָפּגעשאָסן,
צי אין וואַסער דערטרונקען
און פֿון ים־פֿיש צעפּרעסן.
קאָן דען אַ מאַמע אַזאַ שוידער פֿאַרגעסן?

כ׳בין אַ מאַמע, פֿון מיליאַנען מאַמעס,
וואָס אָטעמט מיט שרעק
פֿאַר די קומענדיקע טעג,
וואָס דערנענטערן די געפֿאַר
פֿון מלחמה־צער.

פֿרילינג איז ליב

פֿריליג איז ליב פֿאַר יונג און פֿאַר אַלט,
ווען דאָס אײַז גיט זיך אַ שפּאַלט.

אויף וועגן ווערן וואַסערן פאַרצויגן,
פעלדער עפּענען גרינינקע אויגן.

לויטערע הימלען ווערן העכער,
ווינטעלעך טאַנצן אַרום אויף דעכער.

ס׳שמייכלט דער הימל ס׳פרייט זיך די ערד,
וואָס אַ לעבן אַ נײַער איז איר ווידער באַשערט.

ביימער וואַקסן און בליען, פעלדער גרינען,
פייגל זינגען און נײַע נעסטן שפּינען.

בלומען ציען זיך צו הימלשע בלויען,
צוואָגן די קעפּעלעך אין נאַכטיקע טויען.

עס רײַסן זיך ווערטער פון טיפן

עס רײַסן זיך ווערטער פון טיפן,
ווי שטורעם־ווינטן וואָס גיבן אַ יאָג און בלײַבן שטיין,
מײַנע ווערטער זײַנען נאָך נישט געשליפן,
ווייס איך נישט צי שטעלן זיי אין פרייד צי לאָזן זיי אין געוויין.

גיט אַ מאָל אַ בליץ אַ וואָרט,
און אַ שורה ווערט פאַרלאָשן,
ברויזט מײַן בלוט פון אָרט צו אָרט,
לאָזט די אומרו מיך נישט שלאָפן.

גיבן ווערטער אַ מאָל אַ פּלי,
ווי מחנות פייגל צו די הימלען,
פּלאַטערט אויף אין מיר אַ נײַ געפּיל,
כאָטש איך ווייס נישט צי עס וועט ווער מײַנע לידער זינגען.

אויף אַ נײַעם שליאַך

אין דעם לאַנד לאַנג געגאַרטן
שווער איז דער נײַער שליאַך,
האָבן אַלטע נישט קיין כוח,
זײַנען יונגע אויף דער וואַך.

אַלטע ווערן מיד, פאַרמאַטערט
און אַרבעט איז אַ סך פאַראַן,
ווערן יונגע שנעלע טרײַבער,
זיי ווערן פערד און ווערן שפּאַן.

זיי ווערן אַקער, זיי ווערן זייער,
ווי מאַשינען זייערע הענט
זיי פּלאַסטערן, זיי שמידן,
פון שטיין און פון ציגל בויען זיי ווענט.

זיי פּלאַנצן ביימער און בלומען,
אויף מדבריות, וואַקסן זיי אויך.
זײַנען יאַטן פריילעך, מונטער
מיט זייער מי, מיט זייער כוח.

גלויב

גיי גלײַך און שטאָלץ,
האַלט נישט דעם קאָפּ געבויגן.
די, וואָס דרימלען, חלומ׳ען
וועלן עפענען אַ מאָל די אויגן.

דערזען וועלן זיי די קרומע
און די גלײַכע וועגן,
און דערפרישן וועט דײַן האַרץ
ווי אַ זאַנג נאָך זומער־רעגן.

מיטן אמת זיך באַהעפט,
מיטן אמת פון דײַן גלויבן,
און די וועלט וועט לויטער ווערן,
זיך אין דער לויטערקייט דערהויבן.

מיין נישט, אַז אייביק וועט דויערן
די שווערע, ביטערע צײַט.
עס וועלן מוזן אויפקומען אַזוינע ווי דו —
גוטע, ערלעכע לײַט.

ערגעץ פון ליכט, צי פון חושך
פון פאַרוואָרפענע ווינקלען,
וועט אויפגיין אַ העלער טאָג
און מיט זון דעם מאָרגן צעפינקלען.

אונדזער וואָרט

אונדזער וואָרט קאָן זײַן אויך צאַרט,
מיר ווייסן פון צאַרטקייט דעם ווערט,
די וועלט זאָל זיך נאָר ניט טרייסלען אין אומרו,
אין געפאַר פאַר קויל און פאַר שווערד.

מיר קאָנען זיך קוויקן מיט מאַי׳איקן צוויט,
מיר ווייסן פון בליאונג דעם ווערט,
ס׳זאָל נאָר פון בייזע געוויטערס
די בליאונג ניט ווערן צעשטערט.

מיר קאָנען צערטלען די שיינקייט פון זומער,
מיר ווייסן פון געוויקסן דעם ווערט,
שונא זאָל נאָר די געוויקסן ניט צעטרעטן,
און מיט בלוט ניט פאַרגיסן די ערד.

פרילינג

ס׳האָט דאָס וועלדל זיך צעגרינט,
און באַגריסט מיך ווי אַ פרײַנט,
די צווײַגן זיך פאַרנייגן,
שטרעק איך אויס צו זיי די האַנט.

די זון האָט דאָס וועלדל אַרומגענומען,
מיט די ביימער זיך צעקושט,

די פייגל האָבן צוגעזונגען,
מיט אַ נײַעם פרילינג־סווישטש.

ס'זינגט אַ סאָלאָווייטשיק פריילעך, צאַרט,
שאָרך פון צווייגן אים באַגלייט,
עס שפּילט אַ ווינטל אין די גראָזן,
ווי אויף סטרונעס פון אַ פּלייט.

דערצייל

ביסטו מיט גוטס באַהויכט, דערצייל אַ פרײַנט,
זאָל ער פון דײַן גליק אויך וויסן:
גרעסער איז די פרייד צוזאַמען,
זאָלן אויך פרײַנט פון דײַן פרייד געניסן.

ס'טרעפט, דו ביסט אין אַ נויט,
אין פּיין צי אין הונגער,
דערצייל, אַ טרייסט־וואָרט
אַמאָל מאַכט גרינגער.

איך האָב פײַנט אַ ריגל, אַ שלאָס,
איך האָב ליב אַן אָפענע טיר,
איך האָב ליב גיין צו מענטשן,
און מענטשן זאָלן קומען צו מיר.

ווײַט פון דאָרף

הינטער דאָרף, ווײַט ווײַט,
ווײַט פון שטאָט, ווײַט פון לײַט,
איז אַן איינזאַם שטיבעלע געשטאַנען,
געוואוינט האָבן דאָרט קינדער מיט אַ מאַמען.

דער טאַטע לאַנג שוין געווען איז טויט,
האָבן די קינדער געפילט די נויט.
די מאַמע האָט געטראָגן פּעק,
געקויפט מעל גאַנצע זעק.

פלעגט דער אויוון ברענען, קנאַקן,
די מאַמע האָט ברויט געבאַקן.
ברויטן גרויסע, ברויטן שיינע,
פאַר די קינדער אירע קליינ̇ע.

אַמאָל האָט זי די קינדער געלאָזט אַליין,
געלאָזט זיך פאַרקויפן די ברויטן גיין.
זײַנען קינדער געבליבן אומעטיק שטיל,
און אײַנגעשלאָפן יעדערער באַזונדער אויפן דיל.

די מאַמע איז אין שטוב געקומען,
האָט זי די קינדער פון דיל צוגענומען.
געלייגט זיי אין די בעטן,
און ווידער גענומען ברויט פאַרקנעטן.

ברויטן גרויסע, ברויטן שיינע,
פאַר די קינדערלעך אירע קליינע.

דו ווייסט נישט

דו ווייסט נישט, ווי לאַנג ס׳וועלן דויערן דײַנע יאָרן,
דו ווייסט נישט, די טעג וועלן פאַרגיין ווי אַזוי,
צי וועלן זיי פאַרגיין מיט שטראַליקער פרייד,
צי אפשר מיט שווערע זיפצן און אַן „אוי".

אַמאָל פײַניקט דיך דײַן גורל,
מיינסטו, אַזוי וועט בלײַבן אויף תמיד:
קומט אַ רגע פון האָפענונג,
און פאַרטרײַבט דעם אומעט.

ווערט די רגע אַזוי טײַער דיר,
ווי אין פינצטערניש אַ שטראַל:
ווערט דער שווערער גורל גרינגער,
און שפרייט אַ חיות׳דיקן קוואַל.

אַמאָל ווערט דויערדיקער אומעט
צערונען פון אַ מענטשנס וואַרעמע בליקן,
זיי גיבן אַרײַן דיר אַ נײַעם גלויבן,
זיי דערפרייען און דערקוויקן.

ווי לויטער וואַסער פֿון אַ קוואַל

איך צאַצקע זיך נישט מיט ווערטער,
ווערטער זײַנען נישט פֿאַר מיר קיין שפּיל,
איך שרײַב נאָר ווען עפּעס נאָגט אין מיר,
און מאָנט אויסצודריקן מײַן געפֿיל.

אין מוח שטראָמען ווערטער אָן אַ צאָל:
דוכט זיך, זיי דרייען זיך יאָגן זיך סתּם,
אָבער זיי גיסן זיך באַלד צונויף מיט אַ ריטם
און שאַפֿן אַליין דעם גראַם.

פֿאַרשווינדט פֿון מיר די שווערע נאָגעניש,
די ווערטער פֿליסן, ווי לויטער וואַסער פֿון אַ קוואַל,
און דאָס ליד, דוכט מיר לויכט גאָר,
ווי אַ פֿרימאָרגנדיקער זונען שטראַל.

צו אַ פֿרײַנט

אין איינזאַמקייט קומען צו גאַסט,
פֿאַרגאַנגענע טרוימען פֿון גליק.
עס דערמאָנען זיך אויך לײַדן,
אומעטיקע טעג פֿון יאָרן צוריק.

ווען צער האָט געמאַטערט געדריקט,
אָן אומעט האָט מיך דערשלאָגן,

פלעגסטו אויף אונדזערע שפּאַצירן,
פיל טרייסט ווערטער מיר זאָגן.

אָפט פאַר מיר מעשיות געלייענט,
געוואָלט באַרײַכערן מײַן וויסן,
האָסטו מיט דײַנע גוטע רייד
מײַן אומעט פאַרטריבן, צעריסן.

ווען געווען איז שווער דאָס געמיט,
פון ליכט נישט געווען איז קיין שטראַל,
האָבן דײַנע קלוגע, גוטע רייד,
מיר געגעבן האָפענונג אַ קוואַל.

פאַר דערמאָנען יענע יאָרן
זיי מיר מוחל מײַן פרײַנט, פאַרגיב.
וויסן זאָלסטו דו ביזט בײַ מיר
פאַרבליבן טײַער און ליב.

אין נײַעם לאַנד

ווען איך נעם אַ בריוו דיר שרײַבן,
ציטערט די פען אין מײַן האַנט,
איך האָב אַ סך דיר צו זאָגן,
צו שרײַבן פון דעם נײַעם לאַנד.

איך בין נישט אימשטאַנד
אַלץ דיר צו דערציילן,

נישט איין וואָרט, נישט איין שורה,
וועל איך מוזן פֿאַרפֿעלן.

עס ליגן ווערטער אויפֿן צונג,
צו עפֿענען די ליפּן זיי שטערן;
איך וואָלט זיי גערן אַרויסגעלאָזט,
ווען געווען וואָלט ווער ס׳זאָל הערן.

ס׳בענקט זיך נאָך אַן אייגענעם מענטש,
נאָך די שטיבער, די גאַסן פֿון היימישן לאַנד;
עס בענקט זיך נאָך אַ וואַרעמען בליק,
ס׳בענקט זיך נאָך אַ פֿרײַנטלעכער האַנט.

ווײַט פֿון דער היים

קיין עלטערן האָבן מיך נישט דערצויגן,
מיט קיין צאַצקעס האָב איך זיך נישט געשפּילט,
פֿיל טעג אין מײַן קינדהייט
האָב איך נויט און הונגער געפֿילט.

ווײַט פֿון היים פֿאַרשטויסן
האָט מיך דער גורל פֿון נויט,
מיט מײַנע קינדערשע כּוחות
געמוזט פֿאַרדינען אויף ברויט.

פֿון אַ קינד באַלד אַלט געוואָרן,
צו שפּילן זיך מיט קינדער נישט געקלערט,

פרעמדע קינדער געניאַנטשעט,
די אַרבעט נישט געהאַט האָט קיין ווערט.

פרעמד געווען איז מיר יעדער ווינקל,
נאָך מאַמעס אַ בליק געבענקט,
אַ שוך, אַ קלייד נישט געקאָנט זיך קויפן,
געמוזט טראָגן וואָס מען האָט מיר געשענקט.

אַ וויג ליד

אײַ־ליו־ליו, שלאָף מײַן קינד,
פאַרן מאָרגן זיך נישט שרעק,
פאַר דער צוקונפט וואָס וועט קומען,
מיט אירע ברויזיקע שטורעם־טעג.

אַ נײַע צײַט וועט זיכער קומען,
אַנדערש זײַן וועט אויף גאָר דער ערד.
נײַע לידער וועט מען זינגען,
אַלטע מידעס וועלן זײַן צעשטערט.

אײַ־ליו־ליו, שלאָף, מײַן קינד,
זאַמל כוחות אָן אַ סך,
דו וועסט אַמאָל די היים פאַרלאָזן,
גייען אויף פעלד, אויף אַ שליאַך.

שטורמישע מאָרגנס קומען־אָן,
ס׳בליצט, ס׳דונערט פון ווײַט,

שלאָף־זשע, שלאָף געשווינד,
ווײַנען איז נישטאָ איצט קיין צײַט.

רו מוז קומען, קומען וועט אַ שלום,
שלום אויף דער גאַנצער וועלט,
וועסטו, מײַן קינד, אומעטום
קאָנען בויען דײַן געצעלט.

אײַ־ליו־לו, שלאָף, מײַן קינד,
פאַרן מאָרגן זיך נישט שרעק,
ס'וועלן קומען, ס'מוזן קומען
רואיקע, זוניקע־שלום טעג.

שײַקע

(אַ קינדער ליד)

שײַקע איז אין שטוב נישט אײַנגעזעסן,
די מאַמע דאַרף אים רופן צום שלאָפן און צום עסן.

צי ס'איז הייס, קאַלט, צי נאַס,
ער איז שטענדיק אויף דער גאַס.

ער קאָן מאַכן אַן עראָפּלאַן, אַ מיל,
אויסטראַכטן אַ מאָל אַ נײַע שפּיל.

פאַלט אים אײַן שפּילן אין אַ סטרײַק
אַרויסשטעלן פאָדערונגען מיט לײַטן גלײַך.

שײַקע טראַכט נישט צו פֿיל,
ער נעמט זיך באַלד צו דער שפּיל.

ער זאָגט די קינדער: דאָ איז אַ פֿאַבריק.
עטלעכע זײַן וועלן סטרײַקערס
אַנדערע מאַכט ער פֿאַר פּאָליציי.

אַ בעל־הבית דאַרף מען אויך
מיט אַ פֿעטן פּנים מיט אַ גראָבן בויך.

וויל קיינער קיין בעל־הבית נישט ווערן,
ציילט מען פֿאַלט עס אויף אַ דאַרן.

שרײַען קינדער בעל־הבית
זאָל ווערן משה אהרן.

עס ווערט אַ טומל אַ געשריי
ביז עס קומען פּאָליציי.

הייבן מענטשן אָן צו לויפֿן
מען נעמט זיך שטופּן און שטויסן.

פֿײַערלעשער קומען מיט אַ טומל,
און די קינדער בלײַבן שטיין אין אַ רימל.

אויף באַלקאָנען פֿון אַלע שטאָקן
קוקן מענטשן שטאַרק דערשראָקן

אַזעלכעס זאָל גאָר פּאַסירן?
קינדער זאָלן אַ סטרײַק פֿירן?

און די קינדער גאָר מאַרשירן,
שרײַען אַ סטרײַק וועלן מיר פירן.

בלײַבן אַלע פאַרוואונדערט קוקן
ווי די קינדער מיט דער שפּיל זיך קוויקן.

אויגן

אויגןברייט צעעפנטע און קוקן אויף קיינעם,
אויגן פאַרשוואָלענע רויט־קראַנקע פון וויינען.

אויגן אומעטיקע ווי פאַרנעפּלטע טעג,
אויגן וואָס וואַרטן די צײַט זאָל אַוועק.

אויגן וואָס גלאַנצן מיט זעט און מיט רויב,
אויגן מידע פון האָרעוועןן פאַר ברויט.

אויגן מיט גלויבן מילד און צאַרט,
אויגן פול מיט ליבשאַפט געגאַרט.

אויגן צו וואוילטאָג נאָר שטרעבן,
אויגן אַרײַנגעטאָן אין אייגענעם לעבן.

אויגן מיט האַס און מיט צאָרן,
אויגן וואָס זוכן וועמען צו נאַרן.

אויגן וואָס זעען פון נאָענט און ווײַט,
אויגן וואָס בענקען נאָך פאַרגאַנגענער צײַט.

אויגן שמייכלדיקע פֿרײַנטלעך צו מענטשן,
אויגן פֿריילעכע וואָס טרייסטן און בענטשן.

פֿריידקע

פֿריידקע, נעם אַ שטריק מיטן זאַק פֿון זאַלץ,
ברענג פֿון וואַלד שוואָמען מיט האָלץ.

אין זאַק לייג אַרײַן די שוואָמען,
נאָר דו זאָלסט זיך לאַנג נישט זאַמען.

ווי אַמאָל דו ביזט פֿאַרקראָכן,
ס'איז נישטאָ מיט וואָס וועטשערע צו קאָכן.

— איך וויל נישט גיין אין וואַלד אַליין,
טאָמער וועט אַ האָזל צי אַ וועווריקע דאָרט שטיין?

— אַ וועווריקע זוכט אין וואַלד אַ ניש,
זי וועט נישט טאָן דיר קיין ביס.

און צום האָזל וועסטו מיטן שטריק טאָן אַ פֿאָך
וועט ער אַנטלויפֿן ווי אַ מויז אין אַ לאָך.

נעמט פֿריידקע דעם שטריק און דרייט,
זי פֿאָכעט שוין דעם גאַנצן וועג.

זי איז אין וואַלד געקומען צוגיין
איז זי דאָרט געוועזן איינינקע אַליין.

ערגעץ ווײַט האָט זיך צעבילן אַ הונט
האָט זי די שטעקעלעך געקליבן געשווינד.

אַ מאָל געגעבן אַ שפּרונג אין דער הויך
און אַ שטעקעלע פֿון אַ בוים דערגרייכט.

אַ מאָל אַ דאָרן צווײַג געגעבן אַ בראָך,
געלייגט שטעקעלעך נאָך און נאָך.

פֿרייט זיך פֿריידקע, זי האָט שוין האָלץ אַ סך
און שוואָמען אויך אַ פֿולן זאַק.

זי וויל שוין נעמען אויף פּלייצע דעם בינטל,
יאָגט פּלוצלינג אָן אַ שטאַרקער ווינט.

עס גיט אַ שלײַדער אַרויף און אַראָפּ,
פֿליט פֿריידקעס יאַקעלע אויף איר קאָפּ.

זי לויפֿט אַהיים און אין האַלבן וועג
גיט אַן האָגל זיך אַ לאָז ווי מיט שטיינער ווי מיט העק.

דערנאָך אַ רעגן ווי מיט ציבער אַ גאָס,
ווערט דאָס וואַסער העכער פֿונ׳ם גראָז.

עס ווערט באַלד מיטן קאָרן גלײַך,
פֿעלדער ווערן ווי אַ טײַך.

פֿול מיט פֿײַער קומען בליצן
און דונערן ווי האַרמאַטן שיסן.

פריידקע האָט אין אַ טײַך זיך געבאָדן
און די שטעקעלעך אויף פּלייצע געטראָגן.

אין שטוב וואַרט די קיך נישט געהייצט,
די מאַמע זאָרגט זיך צי פריידקע איז נישט פאַרפלייצט.

זי קאָן אין שטוב נישט אײַנזיצן,
זי לויפט זוכן פריידקען אין די בליצן.

זי וויל אימעצן זען פרעגן,
קומט איר פריידקע גאָר אַנטקעגן.

כאַפּט די מאַמע פון פּלייצע דעם בינט
און באַלד אין קיך אַ פײַער צינד.

פריידקע האָט זיך אין וועג געבאָדן
דעם קאָפּ אין רעגן אויסגעצוואָגן.

זי קעמט און מעסט אירע לאַנגע האָר
און זי פרייט זיך אַז זיי וואַקסן לענגער גאָר.

וואו זאָל מען נעמען אַ פריילעך פּנים

ווען מען קוילעט אַלט און יונג,
אין בלוט די וועלט זיך טרינקט,

אַזויפיל מערדער, אַזויפיל שעכטער,
מענטשנס לעבן געוואָרן איז הפקר.

פאַר אַ דאָלאַר, פאַר אַ סענט,
רויבט מען און מען שענדט,

פון אכזריות דאָס האַרץ קלעמט,
און דאָס פּנים רויט פאַרשעמט, —

וואו־זשע זאָל מען נעמען
אַ פריילעך פּנים....

בענקשאַפט

עס גייט דער טאָג אין רויטן אונטער,
לעשט זײַן פלאָם אין רויטן קוואַל:
אין מײַן צימער דורך די שויבן,
שיקט די זון איר לעצטן שטראַל.

קומט דער אָוונט אַ באַטריבטער,
און באַשאָטנט מיר מײַן ווינקל,
הילט אין אומעט מײַן נשמה,
ווײַזט מיר וועלט דורך שלײַער טונקל.

זיץ איך אין מײַן צימער,
אין שאָטנס איינגעהילט:
אויף די ווענט שוועבן זיי,
און דאָס האַרץ אַ בענקשאַפט פילט.

אַ וויגליד

אין מאַמעס געזאַנג,
איז געבונדן דער
נעכטן מיטן הײַנט

הײַנט איז אויך פֿאַראַן
נויט און שרעק,
אויך הײַנט שיקט מען
טאַטעס אויף מלחמה אַוועק.

זינגען מאַמעס טרויעריקע,
לידער בײַ דער וויג,
ס'קאָן חלילה דער טאַטע ניט
נישט קומען צוריק.

עס זינגט אַ מאַמע
פֿון בענקשאַפֿט פֿון נויט
און דערבײַ אַ האָפֿענונג
פֿאַר איר קינד זי בויט.

זי זינגט פֿון שלום פֿון
גוטס נאָר געניסן
דאָס קינד זאָל כאָטש
פֿון מלחמה נישט וויסן.

און אין האַרצן טריפט
אַ שטיל געוויין
פון טאַטן שוין לאַנג
קיין בריוו ניִשט געווען

זי זינגט איַי־לאַ־לאַ,
מיַין קינד שלאָף איַין,
אפשר וועט שוין מער
קיין מלחמה נישט זיַין.

אַ שטורעם

עס האָט אַ שטורעם אָנגעיאָגט,
אַ חוצפּה׳דיקער בייזער געוויטער,
ריַיסט פון ערד די געוויקסן,
ביימער טרייסלען זיך אין ציטער.

אַלץ שטאַרקער ווערט דער שטורעם,
באַדעקט מיט שטויב וואָס וואַקסט און בליט,
אַ שוואַרצער וואָלקן האָט דעם טאָג,
אין אַ פינצטערער נאַכט פאַרשמידט.

לאַנג דויערט שוין דער שטורעם,
אינ׳ם חושך איַינגעטונקט,
נאָר קומען וועט אַ ליכטיקער מאָרגן,
ערגעץ וואו אַ זון שוין ווינקט.

עס וועלן וואָלקנס זיך צערינען
לויכטן וועט אַ העלער שטראַל,
אַ פריש ווינטל וועט גלעטן צערטלעך,
וועקן צו אַ נײַעם לעבנס קוואַל.

אין אַלטן לאַנד

אויף לאַנגע פאַרלאָזטע בערג און טאָלן,
ברענגט מען נײַע מאַשינען צו פירן,
אָפּצוראַמען פאַרלאָזענע שטיינער,
וואָס ליגן דאָרט טויזנטער יאָרן.

מען בויט, מען זייט און מען פלאַנצט
אויף בערג און טאָלן פון מדבר שויס,
מען באַצירט מיטביימער, מיט בלומען,
און מען פלאַסטערט נײַע וועגן אויס.

קיין שונא וועט ניט וואַגן צו צעשטערן,
די שטרעבונג וואָס פון הערצער שלאָגט,
פאַר רו און פאַר אייביקן שלום,
די שטרעבונג אַ ריזיקן כח פאַרמאָגט.

ווען קומען וועט דער געגאַרטער מאָרגן
און שלום וועט זײַן, וועט זײַן אַ גרויסע פרייד.
מען וועט עסן, טרינקען וועט מען ווײַן,
און טישן וועלן זײַן מיט שפּײַז געגרייט.

נאָך יאָרן

נאָך יאָרן פיל איז ער צו איר געקומען,
מיט בלומען לוסטיק פול מיט פרייד,
מיט די ליבשאַפט וואָס זי האָט
אין דער יוגנט אין אים פאַרזייט.

איצט שוין אין טיפער עלטער,
פינקלען נאָך זײַנע אויגן מיט גליק,
וואָס ער האָט זי איצט געטראָפן.
שמייכלדיק ווי מיט יאָרן צוריק.

ס׳שווימען אויף זײַנע פאַרגאַנגענע יאָרן
זײַנע שטרעבונגען צו ווײַטע רוימען,
ער וויל אויך איצט פון שיינקייט געניסן,
פון זוניקע טעג פון ליבע טרוימען.

פאַרגאַנגען זײַנען פיל לײַדן, פיל פריידן,
נאָר אין האַרצן אַ וואַרעמער פונק זיך האַלט,
ס׳ראַנגלט זיך יוגנט מיט עלטער,
לוסט צום לעבן נישט ווערן זאָל אַלט.

איך הער וואונדער

איך הער וואונדער פון דײַן לאַנד,
וואונדער פון גבורה און אויסדויער,

ביימער און בלומען וואַקסן אין מדבר,
עס אַרבעט אויף פעלד אַ ייִדישער פויער.

אַז בײַ אײַך שײַנט אַן אַנדערע זון,
אַפילו אין ווינטער בריען די שטראַלן,
און דער הימל איז שטענדיק לויטער,
פון אַלטע וואונדער אַנטדעקט מען קוואַלן?

אַנדערע פּירות בײַ אײַך וואַקסן,
אַנדערע פייגל אַנדערש זינגען,
און דאָס לאַנד אַלץ שענער ווערט,
די גרויסן ווי האַרציקע טענער קלינגען.

שרײַב זשע מיר מײַן פרײַנט,
איך וויל דאָס אַלץ וויסן,
צי זײַנען טאַקע אמת
אַט די אַלע גרויסן.

זינג און שפּיל

זינג און שפּיל פון אַ וועלט שיין און פרײַ,
זינג און שפּיל פון אַ לעבן לויטער נײַ.
מענטש נישט וויסן זאָל פון פּיין,
פעלקער זאָלן ברידער זײַן.

זינג און שפּיל פון אַ גאָרטן פול מיט רויזן
און פון ווײַסע שלום טויבן,
ווי זיי פליען און זיי יאָגן
גוטע בשורות אונז אָנזאָגן.

נישט פון אָרים נישט פון רײַך,
נאָר פון אַלע, אַלע גלײַך.

זינג פון מײַן טרוים, פון מײַן ציל
זינג פון שלום זינג און שפּיל.

שפּיל מיר פּייפּעלע שפּיל

שפּיל מיר פּײַפּעלע שפּיל,
פון אַ לעבן אָן אַ ציל,
פון אַ בוים וואָס אין פעלד אַליין:
פון אַ מענטש אַזוי עלנט ווי אַ שטיין.

שפּיל מיר פּייפּעלע שפּיל
פון אַ לעבן אָן אַ ציל...

פון איינעם וואָס האָט ניט קיין פרײַנט
ניט קיין נעכטן ניט קיין הײַנט.

איך וואָלט דעם גרינעם באַרג קושן
ער זאָל מײַן אומעט מיר אָפּווישן.

נאָר דער באַרג שטייט שטיל פאַרטראַכט
ווי ער וואָלט פון מיר געלאַכט...

דאָס טײַכל פליסט און גלעט די ברעגן
וויל איך בײַ דעם טײַכל פרעגן,
צי ווייסט עס עפּעס פון מײַן טרוים,
יאָגן כוואַליעס אָן אַ שוים...

קיינער הערט נישט זײַן געזאַנג
קיינער ווייסט נישט זײַן פאַרלאַנג
שפּיל מיר פײַפעלע שפּיל,
פון אַ לעבן אָן אַ ציל...

MY CHILDHOOD

My childhood was seeded in meadows
My youth left on a field forlorn.
Weeds and grasses were my playthings,
My friends the bundles of thorns.

Ever harrassed and beset was my mother,
So the sun became nurse and protector,
A thatched straw hut was my house,
The buzzing sounds of flies — my song.

Barefoot I walked on the highways,
wrapped in a homespun dress.
The storms of life pursued me
till I felt the city's breath.

Here my unrest was unkindled
dark streets divided from bright.
Full windows gleamed gayly,
hungry ones mourned their plight.

The frozen years dissolved
in the fires of love and hate.
Leaving my loneliness with the winds,
I struck roots in this noisy street.

That from agonizing yesterday's trauma —
Saddened, depressed and wearying,
Would blossom the joy of endeavor
The ecstasy of creation, of songs I sing.

Songs that do not shame my yesteryear,
When great need robbed life of its meaning...
And from surge of creativity shall appear
A brilliant, blue dawning!

Writing mere phrases isn't my wont,
Nor dreams am I spinning...
But words that flow from the heart, —
Words that have meaning...

I REMEMBER

Translated from the Yiddish by Yudel Cohen

I remember being orphaned —
I've never forgotten my past...
My mother's life so wearied,
With its toil-worn days without rest.

How was I to know
That from nights so forlorn,
There would some day emerge
A bright, sunny dawn.

Who could have then foretold
That from hovel with crooked threshold
And from childhood steeped in gloom —
Finally a gleaming life would bloom?

I never imagined, nor dreamed,
I would tread a path so dreary...
And that one day my word should be penned —
That seemed distant as the farthest star!

I remember your obstinate yes or nay...
I hear your earnest, simple speech.
I see you as you approach —
And see you swiftly move away...

I see your laughing eyes, —
Pure... reflecting the bluest of skies...
I see your vibrating elan...
I see you close at hand.

You pulsated with love of being,
Of nature, your environment, and for humanity.
You loved what you were doing...
All your dear ones — and me.

Twenty-five years have elapsed — at times
    an eternity —
And at times — merely but an hour.
Your voice still rings in my ears clearly,
Alas you are no longer here.

If only I could to you impart
My constant yearning...
That eternally etched on my heart
Will be a love — never-faltering.

I SEE YOU

English Translation: Yudel Cohen

(Dedicated to Benjamin Goldworth,
on the 25th anniversary of his death)

I see you at home, sitting idly —
I see you strolling on the street.
I hear your voice burst forth, wrathfully,
I hear it — gentle sweet.

I feel you stroke my hair
While in your tender embrace.
I see your lovely smile,...
I see you every place.

I feel the stir of your breath exude,
You're at my side, where'er I may be...
I see you amongst the multitude...
I see you close to me.

I'm cautioned and shielded by your sternness,
Wafting before me is your acute sensitivity.
Upon my lips still lay the taste of your kiss,
Our thirty year union still follows me.


ZING FUN A WELT SHEIN UN FREI
Poem:Bella Goldworth
Maxim Brodyn
Moderato
Zing, fun a welt shein un frei; Fun a le- bn loi- ter -
Sing, of a world fair and free; Of a new bright life to -
nei. Mentch nisht ho - bn zol kein pein, Zo-ln fel-ker bri-der
be . Man no lon-ger suff' -ring pain; Na-tions to be friends a
zein. Zing fun a gur-tn ful mit - roi-zn Un fun
gain. Sing of a gar-den filled with- flow-ers Doves of
vei- se sho - lom toi-bn Vi zei fli -en Un zei yo - gn
peace in gol - den bow-ers fly- ing beneath each twinkling star
Gu - te - psu- res undz on- zo - gn Nisht fon o - rim nit fon
Bring-ing a mess-age from a - far None to be poor and none to be
reich nor fun a - le a - le - gleich Fun a mor-gn mit der zun be
rich all to have an e - qual niche Of a morning gladdened by the
GILT Volt ich zin- gen un ge shpilt Un ge - shpilt-
sun would I sing when day is done Would I sing -

SING AND PLAY

Sing of a world fair and free
Of a new bright life to be;
Man no longer suffering pain
Nations to be friends again.

Sing of a garden filled with flowers,
And doves of peace in golden bowers
Flying beneath each twinkling star
Bringing a message from afar.

None to be poor and none to be rich,
All to have an equal niche.
Sing of a morning gladdened by the sun
Would I sing when day is done.


Poem: Bella Goldworth
OH, SHPIL MIR FEIFELE
Keil-Brodyn
Andante
Oh, shpil mir- fei - fe- le shpil. Fun a le - bn - oon a - tzil Fun a boim wos shteit- in feld a-lein FUN a mentch e-lent vi a shtein. Shpil mir fei- fe - le - shpil- FUN a le bn oon a - tzil Fun ei-nem wos hot nisht a frein nisht kein mach- tn - nisht kein heint Ich
Oh, play lit-tle flute with a soul . Of a life with- out a . goal Of a lone-ly tree- - in a grove Of de- so-late man - without love . Lit- tle flute play with a soul- Of a life with- out a - goal No one to hear his plaitive song- No one to know his - dee - pest wrong No

OH, PLAY LITTLE FLUTE

Oh, play little flute with a soul,
Of a life without a goal —
Of a lonely tree in a grove,
Of desolate man without love.

Little flute play with a soul,
Of a life without a goal
No one to hear his plaintive song
No one to know his deepest wrong.

No one to share his sorrow
No joy today no hope tomorrow,
Oh, play little flute for me a tune
Of life's purpose and boon...

MEIN MANTL

Words: Bella Goldworth — Maxim Brodyn



I felt a rip in the back of my coat
Stitched it hurriedly, now I take note
I look at my coat and ask advice.
How shall I make it look fresh and nice

Chorus:

That my coat be whole and fine
For another winter this coat of mine
(repeat last 2 lines)

Chorus:

MY COAT

Though I made my winter coat to last
Eight long years have already passed
And my coat looks still new and fine
To last another winter this coat of mine.

Only the front is a trifle torn.
I'll make it narrower, no one will know
As I wear my coat I begin to think —
That it looks as fine as mink...

Chorus: *Though I made...*

As I drew my coat upon my body...
I noticed my elbows looking shoddy;
At once I took some matching patches
And made them into perfect matches

Chorus:

I noticed my shoulder was frayed no doubt
As I put it on when going out;
At once I prepared to mend the tear —
As big as my shoulder, it was there.

Chorus:

CONTENTS

My Coat 3
Oh, Play Little Flute 6
Sing And Play 8
I See You 10
I Remember 12
My Childhood 14

BELLA GOLDWORTH

POEMS

New York, 1982